בס״ד

נפתלי משה שניצלער פרעזענטירט

# ס'איז
# דא א
# באשעפער
# אויפן דער
# וועלט!

## יונגערליך 4

# פארווארט

ברוך שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה!

עס איז מיר א געוואלדיגע כבוד און זכי׳ צו פארשטעלן און פרעזענטירן פאר אייך דעם הערליכן אלבום, וועלכער איז די פערטע אין די רייע פונעם וועלטבארימטטן ׳יונגערליך׳ סעריע. עס איז איבריג צו שילדערן וויפיל געלט, כח, און צייט עס איז אריינגעלייגט געווארן אין דעם פראיעקט, כדי אז עס זאל ארויסקומען א דבר השלם, און אז עס זאל טאקע זיין פאסיג צו דינען אלס נאך א רינגעלע אינעם גלאררייכן ׳יונגערליך׳ קייט.

׳יונגערליך׳ האט זיך בליעה״ר ערווארבן א גאר פאפולערן שם טוב אין די מוזיקאלישע וועלט בפרט, און עס איז ב״ה אויפגעכאפט און אנגענומען אין אלע אידישע שטיבער איבער דער וועלט, און ביי אלע שיכטן אין קרייזן קען מען הערן די זיסע און הארציגע ׳יונגערליך׳ מעלאדיעס, וועלכע האבן שוין ב״ה זוכה געווען אויפצוטוהן גאר אסאך איבער דער גארער וועלט.

דער אלבום הייבט זיך אן מיטן ניגון נאך וועלכן מען האט עס א נאמען געגעבן ״ס׳איז דא א באשעפער אויף דער וועלט׳ אין וועלכן מיר פארציילן די געוואלדיגע גבורה פון אונזער הייליגן טאטן אברהם אבינו ע״ה, וואס איז געווען א קליין יונגעלע עלנד אליין אויף דער וועלט, און דאך האט ער איינער אליין אנערקענט אז עס איז דא א בורא וואס האט באשאפן די וועלט, און ער איז ארומגעלאפן אויסשרייען קבל עולם ומלואו ״מענטשן! ס׳איז דא א באשעפער אויף דער וועלט!״

אברהם אבינו׳ס געשיכטע איז עפעס פון וועלכן מיר דארפן זיך לערנען, אזוי ווי עס שטייט אין נביא ישעיהו ״שִׁמְעוּ אֵלַי רֹדְפֵי צֶדֶק מְבַקְשֵׁי ה׳... הַבִּיטוּ אֶל אַבְרָהָם אֲבִיכֶם... כִּי אֶחָד קְרָאתִיו וַאֲבָרְכֵהוּ וְאַרְבֵּהוּ״ - אברהם איז געווען איינער אליין אויף דער וועלט, אבער דאך האט ער זוכה געווען צו מקדש שם שמים זיין אויף די גאנצע וועלט.

מיט התרגשות טוען מיר אייך איבערגעבן דעם אינהאלטסרייכן פראיעקט, מיט א תפילה צום באשעפער אז חפץ ה׳ בידנו יצליח, און מיר האפן אז איר וועט טאקע הנאה האבן פון די רייכע ארבעט וואס עס איז אריינגעלייגט געווארן דערין. מיר האבן באזונדער געארבעט אז דער אלבום זאל זיין פונעם העכסטן סטאנדארט און פונעם רייכסטן קוואליטעט, ווי עס פאסט זיך פאר א ׳יונגערליך׳ פראיעקט, און ב״ה אז מיר האבן באוויזן דאס נאכצוקומען מיטן אויבערשטנס הילף.

איך וויל אויסדרוקן א ספעציעלן הארציגער יישר כח פאר מיין ידיד ר׳ יונה ליפשיטץ הי״ו, וואס עס איז מיר געווען א כבוד און זכי׳ צו ארבעטן מיט אים, און געניסן פון זיין טיפע מוזיקאלישע הבנה און שעפערישקייט. ס׳איז באמת געווען א פארגעניגן צו ארבעטן אינאיינעם.

איך וויל אויך אויסדרוקן א הכרת הטוב פאר ר׳ אברהם לונגער הי״ו וואס האט זיך איבערגעגעבן פאר דעם פראיעקט מיטן גאנצן הארץ, און מסדר געווען יעדן דעטאל עצהיו״ט.

מיר האפן און בעטן אז דער אלבום זאל טאקע זיין א סוקסעס, און מיר זאלן שוין זוכה זיין בקרוב צו דעם גרויסן טאג וואס ״וְהָיָה ה׳ לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה ה׳ אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד״ ווען די גאנצע וועלט וועט איינזען אז - ״ס׳איז דא א באשעפער אויף דער וועלט!״

## וְהָיָה ה׳ לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ

*נפתלי משה שנידלער*

**תודה רבה**

תודה רבה להמחנך הדגול הרב יהושע ראזען שליט״א פארן איבערקוקן דער אינהאלט פון דעם סידי, אז עס זאל זיין אויסגעהאלטן מיט א חסידישע טעם און פארצייטישע חן.

# 1

# ס'איז דא א באשעפער

טויזנטער יארן צוריק,
האט געלעבט אונזער טאטע אברהם,
ער פרעגט מיט וואונדער און קען נישט פארשטיין,
וויאזוי געשעט א וועלט פון זיך אליין?

אברהם, גיב נאר א קוק,
אנטפלעקט זיך צו אים דער בורא עולם,
איך בין דער וואס האט אלעס אויפגעשטעלט,
ס'איז דא איין באשעפער אויף דער וועלט.

ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט,
און אלעס טוט ער פירן,
ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט,
און אן אים גארנישט טוט זיך רירן.



**מקור הרעיון:**

"וַיֹּאמֶר ה' אֶל אַבְרָם לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וְגוֹ'" ר' יצחק פתח (תהלים מה, יא): "שִׁמְעִי בַת וּרְאִי וְהַטִּי אָזְנֵךְ וְשִׁכְחִי עַמֵּךְ וּבֵית אָבִיךְ" אמר רבי יצחק משל לאחד שהיה עובר ממקום למקום וראה בירה אחת דולקת אמר תאמר שהבירה זו בלא מנהיג הציץ עליו בעל הבירה אמר לו אני הוא בעל הבירה כך לפי שהיה אבינו אברהם אומר תאמר שהעולם הזה בלא מנהיג הציץ עליו הקב"ה ואמר לו אני הוא בעל העולם.

בראשית רבה ל"ט, א

קאמפאזירט: **ר' יונה ליפשיטץ** | אראנזשירט: **ר' נפתלי משה שניצלער** | קווייער אראנזשירט: **ר' יוסף גליק, ר' שמעון חיים ליכטמאן**
ווערטער: **ר' יונה ליפשיטץ** | מקור: **מדרש בראשית רבה** | סאלא: **ר' נפתלי משה שניצלער** | קינד סאלא: **שבתי מרדכי טייכמאן**

# 2 המלך

והיה ה' למלך על כל הארץ,
ביום ההוא יהיה ה'
אחד ושמו אחד.

אלעס טוט זיך פרייען,
דיין מלכות באנייען,
יעדער וועט שרייען,
אז דו ביסט א מלך,
המלך, המלך, המלך,
איף דער גאנצער וועלט.

קאמפאזירט: **ר' יונה ליפשיטץ** | אראנזשירט: **ר' נפתלי משה שניצלער** | קווייער אראנזשירט: **ר' יוסף גליק**
סאלא: **ר' יששכר גוטמאן** | קינדער סאלא: **מעכי ליבערמאן, שרולי בערגער**

# 3 בענטשן

שאו ידיכם קודש, וברכו את ה'.
לאמיר בענטשן דעם בורא, הזן את הכל,
לאמיר דאנקען דעם בורא, נודה לך,
לאמיר בעטן ביים בורא, רחם נא,
אוי טאטעניו, בונה ירושלים.

תהלים, ברכת המזון



קאמפאזירט: **ר' יונה ליפשיטץ** | אראנזשירט: **ר' נפתלי משה שניצלער** | קווייער אראנזשירט: **ר' יוסף גליק**
סאלא: **ר' יוסף גליק** | קינדער סאלא: **מענדי ליבערמאן, שמואלי לאנדא**

# 4

# לך ידיד

לך ידיד נפשנו כל מאוויינו,
אתה שמחת לבנו וכל טובתנו,
הן נכסוף נכספנו לשרת פניך אדון הכל.

אדון הכל, אוי אדון הכל,
הדורש לעם דורשיך,
לא תתפרש מנן, לא תתפרש מנן,
וועסטו זען, וועסטו זען,
ואל נפרוש ממך.

בעל החרדים

* עריבות ומתיקות אמרי נועם

**פג.** מה יפה ומה נעים אהבה בתענוגים רוחניים, ועוד יצלצלו באזנינו עריבות ומתיקות ידידות נעימות אמרי מילין יקירין **אדון הכל וכו'**, ידכה ישוח שואג בוכה ומתחנן כבן אל חיק אמו "**לא תתפרש מנן ואל נפרוש ממך**". וכמה פעמים ארי שואג מקירות לב קדשו במליצה טובה על כנסת ישראל, **לא תתפרש מנן - וועסט זעהן רבונו של עולם אז - ואל נפרוש ממך**. והמבין יבין.

וכעומד על גחלים לוחשות רגליו ירוצו אילך ואילך, עד שמגלה טהרות לבבו וצועק ואומר "**לך ידיד נפשנו כל מאוויינו**", "**עוצם תשוקתך בלבינו קשורה**", "**זכינו לקדש רמ"ח אברינו**", "**רצון עבדך לעשות נחת רוח לך**" וכו'.

סדר שנה אחרונה לרבנו בעל מנחת אלעזר ממונקאטש זי"ע

# 5

מיר זענען סאלדאטן,
פארן מלך מלכי המלכים,
אין אונזער זכות,
יא אין אונזער זכות,
אין אונזער זכות
שטייט היינט די וועלט.

מיר לערנען שיין,
מיר דאווענען ריין,
מיט מידות טובות גאר פיין,

מיר גלייבן אין באשעפער אליין,
מלא חן, פון גרויס ביז קליין,

קאמפאזירט: **ר' יונה ליפשיטץ** | אראנזשירט: **ר' משה לאופער**
קווייער אראנזשירט: **ר' יוסף גליק** | סאלא: **ר' שלמה זלמן הארוויץ** | קינד סאלא: **מאטי גאלדמינצער**



# מיר זענען סאלדאטן

אנטקעגן משיח וועלן מיר גיין,
במהרה בימנו אמן.

אין העולם מתקיים אלא,
בזכות הבל פיהם,
של תינוקות של בית רבן.

קאמפאזירט: **ר' יונה ליפשיטץ** | אראנזשירט: **ר' לייב יעקב ריגלער** | קווייער אראנזשירט: **ר' יוסף גליק**
ווערטער: **ר' יונה ליפשיטץ** | הארמאני: **ר' נפתלי משה שניצלער** | קינדער סאלא: **זושא שניצלער, יענקי גליק**



6

# קדיש

ווען איך וואלט מיך נישט געשעמט,
פון מיינע חברים, קרובים און שכנים,
פון מיין סביבה, די השפעה פון די גאס.
און איך וואלט מיך נישט געשעמט,
פון די גאנצע וועלט, נישט געקוקט
אויף קיין כבוד קיין געלט, געפילן, מורא, און שפאס.

וואלט איך געלאפן אין די גאסן און געשריגן,
יתגדל, ויתקדש, שמיה רבא!
כי ה׳ הוא האלקים, אין עוד מלבדו!

קאמפאזירט: **ר׳ יונה ליפשיטץ** | אראנזשירט: **ר׳ שלמה זאלצמאן**
קווייער אראנזשירט: **ר׳ יוסף גליק** | ווערטער: **ר׳ יונה ליפשיטץ**
סאלא: **ר׳ יושע ראזען** | קינד סאלא: **מ. ראזענבערג**

# 7 פתאום

הנני שלח מלאכי ופנה דרך לפני,
ופתאם יבוא אל היכלו האדון אשר אתם מבקשים,
ומלאך הברית אשר אתם,
חפצים הנה בא אמר ה׳ צבאות.

דער נביא אין מלאכי זאגט אונז נבואה,
וויאזוי עס וועט בקרוב צוגיין דער גרויסער ישועה.
איך וועל שיקן אליהו דער גרויסער מלאך,
זאל נענטער ברענגען די אידישע קינדער צו השם יתברך.
דערנאך פלוצלינג וועט קומען צו זיין געצעלט,
האדון דער קעניג פון דער וועלט,
א רעש א טומל, מיט ניסים ונפלאות, הנה בא! אמר ה׳ צבאות!

קאמפאזירט: **ר׳ יונה ליפשיטץ** | אראנזשירט: **ר׳ יהודה גלילי** | קינדער קווייער אראנזשירט: **ר׳ אנטשיל עקשטיין**
ווערטער אין אידיש: **ר׳ יונה ליפשיטץ** | סאלא: **ר׳ יודל זאפיר** | קינדער סאלא: **שלומי קאטה, חזקי פאשקעס** | קווייער: **שירה - ר׳ יואל הארואוויטץ**



# 8 הלל הזקן

שמעיה ואבטליון, זייער גרויסקייט איז באקאנט,
אין בית מדרש דארט הערשט א ליכטיגקייט,
גייט הילל הזקן אויף די זעלבע וועג געשפאנט,
ער שלינגט מיט דארשט, די תורה'דיגע רייד.

איך וויל גיין לערנען אין שול...
לערנען די הייליגע תורה,
גיין לערנען אין שול...
הילל שטייט ביים טיר מיט שרעק און מורא.

א שומר ביים טיר איז פארהאן,
איך בעט דיך לאמיך אריין,
ניין דו קענסט נישט דא זיין.

באצאל באצאל די פרייז וואס עס קאסט,
אן באצאלן - הערסט - קיינעם מען לאזט,
באצאל באצאל קיין ברירה דו האסט.

הילל וויינט, וואס דאס מיינט, גוט ווייסט-ער,
מיך פארשיקט, ווייל גארנישט ליגט, אין טייסטער,
האלב וואס איך פארדין, ברענג איך דא טאג טעגליך,
אויך היינט איך בין, אין מארק מיט מיינע וועגעלעך,
איך ווייס דעם כלל, אם אין תורה אין קמח,
און איך דערווייל, אןביידע איך דערזע-מיך.

תנו רבנן – האבן די רבנן געלערנט
די לעכטיגקייט פון די בני עליה,
תנו רבנן – האבן די רבנן געלערנט
א פרישע פשט, א קשיה און א פליאה,
איך וויל אויכעט האבן די זכיה.

הילל זוכט דעם לייטער - שנעל גייט-ער דארט,
ארויף ארויף ארויף די טרעפ,
דארטן אויבן ער קוועלט
דורכן גלאז אין די תורה וועלט,
ער קען נישט גענוג – זיך זעטיגן פון גליק,
מיט מסירות נפש הערט ער יעדע ווארט,
מיט מסירות נפש לערנט ער דארט.

א טבת נאכט א פראסט, אוי ס'קאלט,
שנייעלעך ס'פאלט און ס'פאלט,
די ברעקעלעך באדעקן דארט באלד,
הילל'ס געשטאלט.

שמעיה און אבטליון שפאנען
צומארגענס צו זייער ווינקל,



זיי קומען אריין אין שול און ס'איז טונקל,
קיינער פארשטייט נישט וויאזוי געשעהט אזא זאך,
זיי קוקן ארויף צום איינעם פענסטער אויפן דאך,
ס'איז פארשטעלט,
די תלמידים לויפן ארויף פארשנעלט,
וואס גייט דארט פאר?
זיי גלייבן נישט וואס זיי ווערן געוואויר,
הילל הזקן מיט א פארפרוירענעם געזיכט,
זיין גאנצע קערפער אונטער א דיקן שיכט,
ווי גרויס איז דיין חשק צו תורה זיי פרעגן,
אז דו ביזט אגאנצע נאכט דא אויבן ביים פענסטער געלעגן,
גארנישט וועט מיך נישט אוועקצווינגען,
צו קענען אינאיינעם מיט די שענסטע קלאנגען מיטזינגען.

תנו רבנן – האבן די רבנן געלערנט
די לעכטיגקייט פון די בני עליה,
תנו רבנן – האבן די רבנן געלערנט
א פרישע פשט א קשיה און א פליאה,
און איך קען אויכעט האבן די זכיה.

שמעיה ואבטליון זיי באשליסן תיכף דארט,
הילל צו די תורה אזוי גליסט,
און זיי לאזן פאר שומר'ל זאפארט,
פון היינט מאל אן ער קומט אריין אומזיסט.

דו וועסט שוין לערנען אין שול....
לערנען די הייליגע תורה...

קאמפאזירט: **ר' יונה ליפשיטץ** | אראנזשירט: **ר' משה יאקאב** | קווייער אראנזשירט: **ר' אנטשיל עקשטיין**
ווערטער: **ר' יואל ברוין** | מקור: **גמרא מסכת יומא** | סאלא: **ר' יואל ברוין** | קינד סאלא: **שמואלי קליין**



# 9 אזמר בשבחין

אֲזַמֵּר בִּשְׁבָחִין לְמֵיעַל גּוֹ פִּתְחִין דְּבַחֲקַל תַּפּוּחִין דְּאִנּוּן קַדִּישִׁין:
נְזַמֵּין לָהּ הַשְׁתָּא בִּפְתוֹרָא חַדְתָּא וּבִמְנַרְתָּא טַבְתָּא דְּנַהֲרָא עַל רֵישִׁין:
יְמִינָא וּשְׂמָאלָא וּבֵינַיְהוּ כַּלָּה בְּקִשּׁוּטִין אָזְלָא וּמָאנִין וּלְבוּשִׁין:
יְחַבֵּק לָהּ בַּעְלָהּ וּבִיסוֹדָא דִילָהּ דְּעָבִיד נַיְחָא לָהּ יְהֵא כַּתִּישׁ כַּתִּישִׁין:

צְוָחִין אַף עָקְתִין בְּטֵלִין וּשְׁבִיתִין בְּרַם אַנְפִּין חַדְתִּין וְרוּחִין עִם נַפְשִׁין:
חֲדוּ סַגִּי יֵיתֵי וְעַל חֲדָא תַּרְתֵּי נְהוֹרָא לָהּ יִמְטֵי וּבִרְכָאָן דִּנְפִישִׁין:
קְרִיבוּ שׁוּשְׁבִינִין עֲבִידוּ תִּקּוּנִין לְאַפָּשָׁא זִינִין וְנוּנִין עִם רַחֲשִׁין:
לְמֶעְבַּד נִשְׁמָתִין וְרוּחִין חַדְתִּין בְּתַרְתֵּין וּתְלָתִין וּבִתְלָתָא שִׁבְשִׁין:

וְעִטּוּרִין שַׁבְעִין לָהּ וּמַלְכָּא דִּלְעֵלָּא דְּיִתְעַטַּר כֹּלָּא בְּקַדִּישׁ קַדִּישִׁין:
רְשִׁימִין וּסְתִימִין בְּגַוָּהּ כָּל עָלְמִין בְּרַם עַתִּיק יוֹמִין הֲלָא בַּטִּישׁ בַּטִּישִׁין:
יְהֵא רַעֲוָא קַמֵּיהּ דְּתִשְׁרֵי עַל עַמֵּיהּ דְּיִתְעַנַּג לִשְׁמֵיהּ בִּמְתִיקִין וְדוּבְשִׁין:
אֲסַדֵּר לִדְרוֹמָא מְנַרְתָּא דִסְתִימָא וְשֻׁלְחָן עִם נַהֲמָא בִּצְפוֹנָא אַרְשִׁין:

בְּחַמְרָא גּוֹ כַסָּא וּמְדָאנֵי אַסָּא לְאָרוּס וַאֲרוּסָה לְהִתַּקְפָא חַלָּשִׁין:
נַעֲבֵד לְהוֹן כִּתְרִין בְּמִלִּין יַקִּירִין בְּשַׁבְעִין עִטּוּרִין דְּעַל גַּבֵּי חַמְשִׁין:
שְׁכִינְתָּא תִּתְעַטָּר בְּשִׁית נַהֲמֵי לִסְטָר בְּוָוִין תִּתְקַטָּר וְזִינִין דִּכְנִישִׁין:
שְׁבִיתִין וּשְׁבִיקִין מְסָאֲבִין דִּרְחִיקִין חֲבִילִין דִּמְעִיקִין וְכָל זִינֵי חַרְשִׁין:

זמירות שבת קודש

קאמפאזירט: **ר' יונה ליפשיטץ** | אראנזשירט: **ר' נפתלי משה שניצלער** | קווייער אראנזשירט: **ר' יוסף גליק, ר' יושע ראזען**
סאלא: **ר' דוד בערגער** | קינד סאלא: **שרולי בערגער** | **קלארינעט: ר' אברהם באלטי**

# 10 תנו שבח



תנו שבח ושירה,
לקל אשר שבת ברא,
ולנו בו נתן תורה,
קרא למשה מתנה.

אוי אוי אוי, זינגען מיר
פאר דיר שירה,
אוי אוי אוי, צוזאמען מיט
די גאנצע יצירה.

קאמפאזירט: **ר׳ יונה ליפשיטץ** | ווערטער: **ר׳ יונה ליפשיטץ**
אראנזשירט: **ר׳ יואל דיקמאן, ר׳ נפתלי משה שניצלער**
קווייער אראנזשירט: **ר׳ יוסף גליק** | סאלא: **ר׳ יעקב פעדער**
קינד סאלא: **שבתי מרדכי טייכמאן**

# 11 אמר רבי עקיבא

אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל,
לפני מי אתם מטהרין ומי מטהר אתכם,
אביכם שבשמים.
ואומר מקווה ישראל ה׳,
מה מקוה מטהר את הטמאים,
אף הקב״ה מטהר את ישראל.

קאמפאזירט: **ר׳ יונה ליפשיטץ** - מוקדש לע״נ אבי מורי **הרב ר׳ שבתי בן ר׳ דוד ז״ל**
אראנזשירט: **ר׳ אברהם לונגער** | קווייער אראנזשירט: **ר׳ יוסף גליק** | סאלא: **ר׳ וואלף בראווער** | קינדער סאלא: **אשר רובין**

# 12

# שלום עליכם משיח



אליין אויפן וועג,
אין די לאנגע גלות טעג,
משיח שטייט און ווארט ביז גאר,
כמעט שוין צוויי טויזענט יאר.

זיין שופר איז גרייט,
מיטן אייזל ער שטייט,
ער קוקט שוין ארויס,
ווען לייז איך זיי אויס,
ס'זאל שוין זיין יהא שמיה רבה.

ווען פלוצלינג פון דער ווייט,
משיח אליין ער רייט,
ער וועט אויפבינדן די גלות קייט,
מיר אלע ווערן באפרייט.
צום אדלער א געלויף,
מיר פליען צום באשעפערס הויף,
מ'טאנצט מ'שפרינגט,
מ'שרייט מ'זינגט, משיח ברוך הבא.

**שלום עליכם משיח,**
**מיר האבן זיך געבענקט**
**עליכם השלום אידעלעך,**
**עטס האטס מיר געברענגט,**
**קומט נאר כלל ישראל,**
**אהיים פונקט ווי אמאל,**
**אין אונזער היים, ירושלים,**
**יא יא איך בין שוין דא.**
**שלום עליכם משיח,**
**מיר האבן זיך געבענקט,**
**עליכם השלום אידעלעך,**
**עטס האטס מיר געברענגט,**
**מארבע כנפות, אויפן טאטנס שויס,**
**אין אונזער היים, ירושלים,**
**יא יא ברוך הבא.**

ס'איז יו"ט אויף דער וועלט,
אויך די חיות אויפן פעלד,
די פייגלעך פון אויבן, די פיש פון ים,
זיי טאנצן מיט די בערג צוזאם.
אלעס שפראצט פון בוים,
און די זון כחום היום,
און די הימל בלייבט שטיין,
באגלייט אונז אריין,
אין ירושלים הבנויה.

מ'שעכט דעם שור הבר
און פון יין המשומר,
משיח אליין פאר יעדן טיילט,
דער פשט פונעם גלות ער
דערציילט.
די ניסים יעדער זעט,
תחיית המתים געשעט,
א קרבן תודה עס ברענט,
מ'פאטשט מיט די הענט,
אשירה לה' כי גאה גאה.

**שלום עליכם משיח...**

קאמפאזירט: **ר' יונה ליפשיטץ** | אראנזשירט: **ר' משה מרדכי ראזענבלום** | רעיון: **ר' יונה ליפשיטץ**
ווערטער: **ר' מאטי אילאוויטש** | סאלא: **ר' יושע ראזען** | קינד סאלא: **משה יוסף גאלד** | קווייער: **מלכות - ר' פינחס ביכלער**

# CREDITS

PRODUCED BY: Naftali Schnitzler
PROJECT MANAGED BY: Avrumy Lunger
SONGS COMPOSED BY: Yona Lipschitz
POST PRODUCTION BY: Avrumy Lunger
KIDS CHOIR ARRANGED BY: Yingerlich
ADULT CHOIR ARRANGED BY: Michoel Weinberger, Yoely Horowitz, Pinches Bichler
RECORDED AT: A House of Music, Dididum Studios, Chain Studios, Shevach Studios, SYR studios, Gal Kal Studios, Bent Studios
MIXED BY: Avrumy Lunger, Naftali Schnitzler, Shlome Wechter, Yaniv Balas, Ben Peled, Yanky Choen
MASTERED BY: Aran Lavi

## MUSICIANS

DRUMS: Avi Avidani
BASS: Avi Yifrach
KEYS AND PROGRAMMING: Naftali Schnitzler, Avrumy Lunger, Shloime Zaltzman, Moishe Yakob, Yoely Dikman, Yaron Gutfreid,
GUITARS: Avi Singolda, Noam Hargol, Shimon Yihye, Chaim Buckshen
BRASS: Danny Flam
SAX/FLUTE: Dor Asraf
CLARINET: Balti
STRINGS: Israel Philharmonic Orchestra

## SPECIAL THANKS:

Yossi Gluck
R' Shea Rosen
Shaya Herskowitz
Lipa Brauner
Tzali Gold
Hershy Fuchs
Yoely Sabo
Yossi Ehrenfeld
Hershey Weinberger
Velvi Feldman
Yanky Steinmetz
Shimon Chaim Lichtman
Berel Soifer
Joel Freund
Mordechi Fligman
Chiem Hersh Glanzer
Yoel Braun
Shaya Lebowitz
Shloime Zalman Vechter
Lipa Yoel Rispler
Yitzchok Lunger
Yiddy Landau
Mendy Fekete
Duvid Berger

MARKETING & DESIGN:
Pivot Group

## די יונגערלעך כאר

אברמי קאהן
אברמי מייטעלעס
אליעזר גרין
ארי גראס
אפרים שאנפעלד
אשר רובין
ברוך אהרן גרינבלאט
ברוך בערגער
דוד פעלבערבוים
דויד גאלדמינצער
וואלווי דייטש
יהושע כ"ץ
יונה בוקסבוים
יצחק דייטש
יצחק בערקא
יצחק דייטש
יצחק ראזענבלום
יצחק ראזענבוים
יצחק וויינבערגער
חיים אונגאר

חיים בערגער
חיים וויטמאן
חיים שפירא
חזקי פאשקעס
חזקי פעלבערבוים
יחיאל גרינבלאט
ישכר בער לייפער
יוסי וויינבערגער
יוסף גרייפמאן
יוסף וועבערמאן
יושע גאלדמינצער
יושע סיגל
יעקב יוסף איצקאוויטש
יעקב יוסף ברוין
יעקב זילבערמאן
מיכל וואלאדארסקי
משה גאלדמינצער
מרדכי פנחס שווארץ
מרדכי פעלבערבוים
מנשה ברחורין

מאטי ראטענבערג
נפתלי סיגל
נתי לעפקאוויטש
נחמן זינגער
סנדר איינהארן
שמעון ברוינשטיין
שמעון שניצלר
שמעון לאנגסאם
שלומי אונגער
שלומי קאטה
שלומי לעווי
שמואל לאנדא
שמואל פעפערקארן
שמואלי קליין
שמחה וויטמאן
שלמה שפיצער
שמעון שווארץ
שמעון שניצלער
שמעון ברוינשטיין
שמואל לאנדא

# יתגדל
# ויתקדש
# שמיה
# רבא

יונגערליך

© ALL RIGHTS RESERVED TO MOUNDFIELD MUSIC INC. 2024
UNAUTHORIZED DUPLICATION IS FORBIDDEN BY HALACHA AND LAW.

HOUSE
OF MUSIC